# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת יתרו תשפ"ה שנה י | גליון מס' 569



ת.ד 102 בני ברק | פקס: 03-5055919

9139191@gmail.com


## פניני אמונים

### פנינים בעניני תפילה פון די וואכעדיגע פרשה

## די זכות צו קענען זען ריכטיג א זאך

**"וַיִּשְׁמַע יִתְרוֹ כֹהֵן מִדְיָן חֹתֵן מֹשֶׁה אֵת כָּל אֲשֶׁר עָשָׂה אֱלֹקִים לְמֹשֶׁה וּלְיִשְׂרָאֵל עַמּוֹ כִּי הוֹצִיא ה' אֶת יִשְׂרָאֵל מִמִּצְרָיִם"** (יח א)

**דער גאון רבי משה שמואל שפירא, דער ראש הישיבה פון באר יעקב זאגט:**

ביי די צוויי געשעענישן פון קריעת ים סוף און ביי מתן תורה האט די גאנצע וועלט עס געשפירט און געזען. חז"ל זאגן אונז אז ביי קריעת ים סוף האבן זיך געשפאלטן אלע וואסערן פון די וועלט ווי דער לשון החז"ל איז "כל מים שבעולם נבקעו" (מכילתא בשלח מסכתא ד'ויהי' ד)און ביי מתן תורה האט די גאנצע בריאה געשוויגן, אפילו די פייגלעך האבן נישט געקוויטשעט ווי עס איז דער לשון החז"ל: "צפור לא צווח, עוף לא פרח, שור לא געה... הבריות לא דברו, אלא העולם שותק ומחריש" (שמו"ר כט ט).

די גוים האבן געזעןאז עפעס גייט פאר, זיי האבן פארשטאנען אז עפעס טוט זיך אויף די וועלט, אבער זיי האבן נישט געהאט קיין שכל צו פארשטיין וואס דאס איז, אז עס א העכערע זאך, א הימלישע גילוי.

איין מענטש האט יא געזען און פארשטאנען אז עפעס גייט דא פאר, דער איינער איז געווען יתרו. ער האט דערהערט דער געדאנק און דאס האט אים געברענגט צו די אנערקענונג אז די אידישע פאלק איז די אמת'ע פאלק.

די זעלבע זאך וועט אויך זיין ווען משיח וועט קומען. אויך אין יענע צייט ווען זיין גרויסע גילויים, די בריאה וועט רעש'ן און טרייסלן אבער נישט יעדער וועט האבן די זכיה צו זען און צו פארשטיין וואס עס גייט פאר.

אז מען זאל יא קענען זען און פארשטיין בעט מען טעגליך די תפילה פון: "ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים". מיר בעטן הקב"ה אז ווען די גאולה וועט קומען זאלן מיר זיך נישט פארלירן נאר מיר זאלן האבן די שכל און די אויגן צו זען אז אלעס וואס מיר זען און אלע מאדנע ערשיינונגען איז "בשובך לציון ברחמים" - ווייל די גאולה איז שוין דא.

צו קענען זען און פארשטיין אז נאר דורך די כח התורה און אויף דעם בעט מען:"והאר עינינו בתורתך" אז מיט די כח התורה זאל מען האבן אפענע אויגן און זען אלעס.

'זהב משבא' ויחי

## פתחו שערים

### די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

## ענטפערן אמן - דער יסוד פון אלע מצות אין די תורה

די מיטלסטע ברכה, וועלכע מען זאגט שבת ביי מוסף, הייבט זיך אן מיט די ווערטער "תכנת שבת".

די ברכה איז לויט דער סדר פון די 'אלף בית' אבער עס גייט אויף די פארקערטע סדר. עס הייבט זיך מיט דער אות תיו און עס גייט ביז צו די אות 'אלף', די ערשטע שטיקל איז "**תכנת שבת רצית קרבנותיה...**" און אויף דעם סדר גייט עס ווייטער און ווייטער.

מען טרעפט נישט אין אסאך ערטער אז מען זאל איבערדרייען די אלף בית, אז דא איז עס איז יא אזוי' האט עס זיכער א טעם.

אריינטראכטנדיג וואס קען זיין דער טעם האבן מיר אויפגעכאפט אז די לעצטע אותיות פון דער סדר ענדיגט זיך מיט די ווערטער "אז מסיני נצטוו". אז מען וועט קוקן אויף די ראשי תיבות פון די דריי ווערטער וועט מען זען אז די דריי ווערטער אז מסיני נצטוו" - הם "אמן".

דאס איז א רמז אז דער 'אמן' וואס מיר זענען באפוילן געווארן אויף איר איז "מסיני נצטוו" - מיר זענען באפוילן געווארן אויף איר פון סיני.

לכאורה וואס איז דער חידוש פון דעם? אלע מצות אין די תורה קומען דאך פון סיני.

עס איז באקאנט דער מאמר חז"ל אין ירושלמי (פאה ב. ד.) "המקרא, המשנה, התלמוד והאגדה, ואפילו מה שתלמיד וותיק עתיד להורות לפני רבו כבר נאמר למשה בסיני".

עס איז זיכער אז אויך דער 'אמן' גייט אריין אין דעם כלל - אז עס קומט מסיני.

נאר עס קען זיין אז לויט די רבנו בחיי אין פרשת בשלח (שמות יד לא) וועלכע מיר האבן אראפגעברענגט דא באריכות לעצטע וואך אז אמן מיט אמונה איז איין זאך און אז ווען מען איז מקיים דער 'אמן' איז מען אויך מקיים די ערשטע מצוה פון די תורה - די מצוה פון אנכי ה' אלקיך און 'לא יהיה לך' קומט אויס אז ווען מען ענטפערט 'אמן' איז מען מקיים מיט איר א מצות עשה דאורייתא, די מצוה פון אמונה.

מיט דעם יסוד פארשטייט מען זייער גוט דער "אז מסיני נצטוו". עס קומט אונז מרמז צו זיין אז דער 'אמן' איז דער יסוד פון אלע מצוות מיט וואס מען איז באפוילן געווארן אין סיני, ווייל אמונה איז דער יסוד פון אלע מצות אין די תורה, ווי עס שטייט אין תהלים (תהלים קיט פו): "כל מצותיך אמונה".

מענין לענין קען מען אויך צולייגן אז אויך די פריערדיגע ווערטער אין דעם פיוט: "טועמיה חיים זכו וגם האוהבים דבריה גדולה בחרו" גייט ארויף אויף דער 'אמן' ווייל 'אמן' איז דאך א סגולה אויף אריכות ימים ווי חז"ל זאגן (ברכות מז א): "כל המאריך באמן מאריכים לו ימיו ושנותיו" און דאס איז מרומז דא אז דער וואס זאגט אמן איז זוכה צו "חיים זכו" און עס איז אויך דא די "גדולה בחרו" ווי די חכמים לערנען אונז אז (שם נג ב): "גדול העונה אמן יותר מן המברך"!

די וואך שבת איז דאך שבת קבלת התורה, מען לייענט די פרשה פון קבלת התורה, די וואך לייענען מען אין די תורה: "כל אשר דבר ה' נעשה" - מיר וועלן אויך אויסרופן בקול גדול: "כל אשר דבר ה' - **נעשה**" - מיר וועלן מקפיד זיין אויסצוהערן ברכות ריכטיג און אויך צו ענטפערן אמן ריכטיג און דורכדעם וועלן מיר זוכה זיין די מצוה פון אמונה, דער יסוד פון די גאנצע תורה, אז עס וועט מקויים ווערן דער "כל אשר דבר ה'"!

**מיט א קריאה פון "אז מסיני נצטוו"!**

**שבת שלום,**

יעקב דוד מארמארשטיין

# — א 'תפילה מעומק הלב' אין חלום —

וויניג פלעצער אין די וועלט פלעגן דערוועקן אזויפיל קאשמאר ווי דער ווארט 'סיביר'.

האסט געזאגט 'סיביר' האסטו שוין אלעס געזאגט, די ווארט האט בשעתו אריינגעברענגט א פחד און א שרעק ביי טויזנטער אידן וועלכע האבן געלעבט אונטער די רוסישע הערשאפט, אונטער די סאוועיטן פארבאנד.

א קאלטער און אן אפגעזונדערטער ארט איז סיביר. מיט די יארן האבן די רוסן עס באשטימט עס זאל דינען אלץ א גרויסע טורמע.

יעדער רוסישער איד אדער להבדיל גוי - וועמען די רוסן האבן באשולדיגט אז ער איז קעגן די רעגירונג האט מען פארשיקט קיין סיביר. דארט, אין דעם ווייטן באדן, האט מען פארשקלאפט די ארעסטאנטן אונטער די שווערסטע אומשטענדן, אין די גרעסטע פרעסטן און קעלט.

טויזנטער פון די ארעסטאנטן האבן זיך קיינמאל נישט אומגעקערט פון איר, די ליידן אויפ'ן ארט זענען געווען אומדערטרעגליך, זיי האבן פארלוירן זייער לעבן נאכ'ן זיין דארט א שטיק צייט.

צווישן די וואס זענען פארשיקט געווארן קיין סיביר איז אויך געווען אסאך אידן. די קאמוניסטישע רעגירונג האט פארבאטן אז מען זאל לערנען איבער אידישקייט און פארשפרייטן אידישקייט צווישן אנדערע, אפילו צווישן די אייגענע קינדער. יעדער וואס מען האט געטראפן פארלעצן די געזעץ האט מען פארשיקט קיין סיביר.



די טראנס סיביר באן וועלכע האקט איבער גאנץ סיביר

די רשעים האבן זוכנדיג צו דערשטיקן די אידישע רעליגיע אויפשטעלט אן איינהייט וועלכע זאל זיך אפגעבן מיט די אידן. די איינהייט וועלכע מען האט גערופן די "יעוויסעצקי" איז באשטאנען פון אידן.

די אידישע קאלאבירער זענען געווען אזעלכע וואס זענען געווען געטריי פאר די רוסישע רעגירונג גלייבנדיג אין די קאמוניסטישע שיטה. זייענדיג באהאוואנט מיט אלע אידישע מנהגים זענען זיי געווען די מערסטע באקאנט מיט די אידישע לעבן און אייביג געוואוסט ווי אזוי צו כאפן די אידן און אסאך אידן זענען ליידער געווען קרבנות פון די "יעוויסעצקי".

איינס פון די חשובע אידן וועלכע האבן בימים געלעבט אין רוסלאנד איז געווען א געהויבענער איד מיט'ן נאמען רבי יצחק ווינער.

ר' יצחק וועלכער האט אין די פריערדיגע יארן געדינט אלץ רב פון די שטאט קיעוו, האט איבעראל גע'שמ'ט מיט זיין ערליכקייט און צדקות. ווען די קאמוניסטישע רעוואלאוציע האט דערגרייכט קיין קיעוו האט ער וויסנדיג אז מען צימבלט די רבנים, זיך אוועקגעצויגן פון קיעוו צו די שכינות'דיגע שטעט און אנגענומען אן ארבעט אין א מעל פאבריק.

א רב איז רבי יצחק מער נישט געווען אבער אן עובד ה' איז ער געבליבן. פון צופרי ביז ביינאכט האט ער געלערנט און געדאווענט און עוסק געווען בתורה ובמצוות מתוך מסירות נפש.

אין א טאג, ווען רבי יצחק איז אנגעקומען דאווענען אין די שולן וועלכע זענען נאך געווען אפען, האט ער מיטגעלעבט א שרעקעדיגע סצענע. א איד אין שול איז געזעסן און געלערנט מיט קינדער. אזוי לערנענדיג איז איינער פון די יעוויסעצקי'ס אריינגעקומען אין שול און זעענדיג ווי דער איד לערנט מיט די קינדער, האט ער געגעבן א כאפ אן איינער פון די ספרים וואס יענער איד האט געלערנט מיט זיי און עס ארויסגעשלעפט פון שול גרייטנדיג זיך צו לויפן אין די פאליציי צו פאר'מסר'ן דער איד אז ער איז מרביץ תורה פאר אידן.

דער איד איז געווען זייער פארלוירן. וויסנדיג דער באדייט פון אזא אקט און אז די פאליציי וועט זיכער אננעמען זיין טענה - האט ער געציטערט פאר זיין לעבן.

רבי יצחק צוזעענדיג די סצענע האט אנגעכאפט דער מיטגליד פון די יעוויסעקצקי און מיט זיינע לעצטע כוחות האט ארויסגעשלעפט דער ספר פון דער יעוויסעצקי און אים ארויסגעווארפן פון שול שרייענדיג אויף אים - גיי ארויס פון שול און קום מער קיינמאל נישט צוריק אהער.

דער יעוויסעצקי אגענט איז ארויס פון שול אבער עס האט נישט געדויערט לאנג, ער איז צוריקגעקומען אין באגלייטיגונג פון די פאליציי און מען האט ארעסטירט ר' יצחק.

א טאג דערויף האט מען אים געשטעלט פאר א געריכט. די קלאגע האט אים אנגעקלאגט מיט פארראט און אנדערע פארלעצונגען און דער אורטייל איז געווען אז מען גייט אים פארשיקן אויף זעכצן יאר מיט דריי חדשים קיין סיביר.

זייענדיג אין סיביר האט זיך ר' יצחק געטראפן אפגעזונדערט פון די וועלט, די עסן איז געווען מאגער, עס האט געמאנגעלט אין די מינימאלע לעבנסגעברויכן וואס ער האט געדארפט האבן, אויך די ארבעט איז געווען שווער.

עס האט נישט געדויערט לאנג און ר' יצחק האט אנגעהויבן ווערן אויסגעמאגערט און שוואכער, ער האט זיך קוים געקענט דערהאלטן ביים לעבן.

איין טאג, פארנאכטס, נאכ'ן אפארבעטן א טאג ארבעט, האט ר' יצחק געשפירט אז דאס איז עס, ער האט פאר כלות הנפש. אן ערשעפטער איז ער אנידערגעפאלן אויף די ערד, פארלירנדיג זיין באוואוסטזיין.

ליגענדיג אזוי פארזינקען אין א טיפער שלאף האט ער פלוצלונג געזען זיין טאטע רבי אברהם יהושע שטיין פאר אים.

"וואס האט פאסירט מיט דיר יצחק'ל?". האט ער געוואלט וויסן.

"איך בין אין א שווערע צושטאנד. איך שפיר ווי איך גיי עס מער נישט אריבערטראגן".

"פארוואס דאווענסט נישט? אז א איד איז אין א צרה דארף ער דאווענען פאר הקב"ה".

"איך האב נישט כח צו דאווענען".

"דאווען כאטש איין שמונה עשרה".

"איך קען נישט, איך בין נישט מסוגל".

"און אויב איך וועל דאווענען מיט דיר?". האט זיין נישט נאכגעלאזט. "ווועסטו קענען איבערזאגן ווארט ביי ווארט נאך מיר".

אויף דעם האט שוין ר' יצחק מסכים געווען.

מילה במילה האט דער טאטע אנגעהויבן דאווענען מיט אים.

ער האט אנגעהויבן זאגנדיג ה' שפתי תפתח און ממשיך געווען ווארט ביי ווארט.

א ברכה נאך א ברכה זענען זיי אריבער ביז ווען זיי זענען אנגעקומען צו די ברכה פון 'ראה'.

פון טיפן הארץ, אויף ווי ווייט זיינע כוחות האבן צוגעלאזט, האט ר' יצחק געדאווענט ווען זיין טאטע דאווענט מיט אים.

זיי האבן געהאלטן ביי די ווערטער "כי גואל חזק אתה" ווען ר' יצחק האט זיך אויפגעוועקט.

ארום אים איז געשטאנען עטליכע סאלדאטן און אים געהייסן קומען מיט זיי.

"נעם דיינע חפצים און קום אריבער אין די ביורא'ען".

א שטיק צייט שפעטער האט ער זיך געשטעלט אין די אפיס.

"די לאגער איז נישט פאר דיר, דו ביסט צו שוואך, מיר האבן באשלאסן זיך צו רעכענען מיט דיין מצב, מיר וועלן דיר אריבערפירן צו א צווייטן ארט".

נאך יענער טאג האט מען אריבערגעפירט צו א צווייטער ארבעטס ארט אין סיביר, דארט איז די ארבעט און אויך די לענבס באדינגען געווען גרינגער און בעסער.

אסאך צרות און יסורים איז ר' יצחק אריבער די אלע יארן אבער די חלום האט אים דערהאלטן ביים לעבן. עס האט אים געשטארקט דארט און עס האט אים ממשיך געווען צו שטארקן אלע זיינע יארן ביז ווען ער איז ארויס ממות לחיים.

'להשאר יהודי' [לר"י זילבר] עמ' 286

**הרב מאיר גוטמאן שליט"א**
בית החסידים דגור
רחוב הרב דסלר בני ברק

שוין לאנגע יארן וואס רבי מאיר גוטמאן האט די זכיה צו דינען אלץ 'אמן גבאי' אין די גערער שטיבל אויף די דעסלער גאס אין בני ברק.

פון די פריע שעה'ן אין טאג, זייענדיג א 'ותיקין' איד, שטייט רבי מאיר אויף זיין משמרת און הערט אויס מנ'ס פון אידן וועלכע מאכן פאר אים די ברכה, אז ער זאל קענען אריינכאפן נאך אן אמן און נאך אן אמן.

רבי מאיר איז א גבאי פון אמן אבער ער איז אויך א פייערדיגע חסידישער איד. א שמועס מיט אים ברענגט אריין די צוהערער אין זיין רייכער וועלט'ל און איז משפיע אויף די ארומיגע.

די שמועס איז מלכתחילה געווען געפלאנט אויף אביסל צייט אבער למעשה האבן מיר זיך פארשמועסט נישט קענעדיג זיך אפרייסן פון זיינע ווארעמע און זאפטיגע שמועסן.

•

### ווי עס איז שטייגער, ווילן מיר הערן ערשט פון אים איבער זיין סדר היום און ווי עס גייט צו ביי אים די אמן אונטערנעמונג?

ווען מיר בעטן ער זאל רעדן איבער זיך און איבער זיין סדר היום דרייט זיך רבי מאיר ארויס. פון נאטור איז זוכט ער צו אנטלויפן פון פרסום אבער לתועלת הענין גלייבנדיג אז אידן ווילן קענען האבן חיזוק פון דעם - טיילט ער מיט געוויסע פונקטן.

"ברוך ה' אז עס שוין לאנגע יארן וואס איך בין זוכה אויפצושטיין יעדן טאג ותיקין". הייבט ר' מאיר אן זיין שמועס.

"כידוע איז עס א געוואלדיגער עת רצון, אין אלע ספרים הק' ווערט מבואר אז ביי די נץ החמה זענען די שערי שמים איז אפען. ביי מיר איז עס אויך אן ענין מקיים צו זיין די ווערטער פון שלחן ערוך 'יתגבר כארי לעמוד בבוקר לעבודת בוראו, שיהא הוא מעורר השחר'".

פון די זכיה וואס ער האט צו דאווענען ותיקין גייט ער אריבער צו רעדן איבער די געוואלדיגע זכיה צו דינען אלץ גבאי אמן.

"די 'אמן' אונטערנעמונג הייבט זיך אן ביי די נץ מנין. איך פעדער זיך צוקומען פריער ווי מען הייבט אן צוקענען ענטפערן אמן פון די ברכות פון די מתפללים אין די נץ מנין. אויך נאכ'ן דאווענען וועל איך בלייבן אין שול ביז ניין אזייגער צו קענען ענטפערן 'אמן' נאך די ברכות פון די מתפללים.

אז מיין הנהגה זאל נישט שטערן די מתפללים מיט זייער עבודה וועל איך זיך אוועקזעצן אין א ווינקל פון שול. ווער עס איז אינטערעסירט נאכצוזאגן די ברכות וועט קומען צו מיר און מאכן די ברכות ביי מיר".

רבי מאיר איבערראשט אונז אז אויך אידן פון אנדערע שולן וועלן ארויפקומען אין שול און מאכן די ברכות - וויסנדיג אז דא איז דא א איד פאר וועמען זיי קענען זאגן די ברכות.

### וואס האט אייך געברענגט צו טון אזא זאך און אוועקגעבן אזויפיל שעה'ן צוהערן ברכות פון די מתפללים?

ביי אונז אין די שטיבל וואו כ'דאווען, האט פאר לאנגע יארן געדאוונט דא א איד פון די פריערדיגער דור און ער האט שטארק משפיע געווען אויף מיר. דער איד האט



רבי מאיר גוטמאן אויף זיין משמרת אלץ אמן גבאי

געהייסן הרה"ח רבי יוסף דוד לאפע ז"ל. ער איז געווען א מלחמה איבערלעבער, ער האט אסאך מיטגעמאכט ביי די קריג און ער פלעגט טעגליך אהערקומען דאווענען אין די שול.

ער פלעגט שוין קומען צוגיין איינס אזייגער ביינאכט און געלערנט בהתמדה ביז פארטאגס.

ער האט מקפיד געווען נישט צו רעדן פאר'ן דאווענען און נישט צו טון קיין שום זייטיגע באשעפטיגונג פאר'ן דאווענען. אגאנצער צייט איז ער געזעסן און געלערנט ביז שחרית נאר אויף איין זאך האט ער מפסיק געווען און דאס איז צו ענטפערן 'אמן'.

ער פלעגט זיך ממש בעטן ביי אידן אז מען זאל אים זאגן די ברכות ווייל ער וויל זאגן נאך זיי אמן. די מתפללים זענענדיג ווי שטארק עס גייט אים בנפשו פלעגן קומען צו אים און מאכן די ברכות און ער האט געענטפערט אויף זיי אמן.

איך האב זוכה געווען צוזיין זיין שכן אין שול. איך פלעג מיטהאלטן די מצוה און די חביבות מיט וואס ער האט עס געמאכט אז עס איז אריין אין מיינע ביינער און נאך זיין פטירה, האב איך ממשיך געווען מיט די מנהג.

### צי האט איר אמאל געפרעגט רבי יוסף דוד פון וואו עס קומט צו אים די זהירות די און פארוואס איז ער נאכגעלאפן מענטשן אז מען זאל קומען זאגן די ברכות פאר אים?

"דער אמת איז אז איך האב אים קיינמאל נישט געפרעגט די שאלה" באטאנט רבי מאיר. "איך האב געוואוסט ביי מיר אז אויך אויב איך וועל אים פרעגן וועל איך נישט באקומען קיין ענטפער. כל ימיו איז ער געווען דבוק אין די משנה פון (אבות א טו) 'אמור מעט ועשה הרבה'. ער פלעגט נישט רעדן קיין סאך, ער האט געטון.

אויך איבער זיינע מיטמאכענישן אין די לאגער האט ער קיינמאל נישט גערעדט. ער האט נישט דערציילט וואס ער איז אריבער און ווי אזוי ער האט עס איבערגעלעבט. איינמאל א יאר פלעגט ער רעדן. אויף זיין האנט איז געווען אויסגעקריצט א נומער. עס איז געווען די נומער פון 611. אין טעג וואס די נץ איז געפאלן 6:11 פלעגט ער ווייזן די נומער אויף זיין ארעם און זיך אנגערופן בדרך צחות אז היינט איז מיין טאג.

### אפשר דאך, צי האט איר אמאל געהערט פון אים א הסבר?

אין גער ווייסט מען אז דער בית ישראל זי"ע פלעגט אייביג מזרז זיין די חסידים אז מען זאל מאכן ברכות בקול אז די ארומיגע זאל קענען ענטפערן אמן. עס קען זיין אז זייענדיג דבוק אין בית ישראל האט ער זיך מקבל געווען די התנהגות.

ווען מען רעדט פון דער בית ישראל קען מען צולייגן אז אין ספר 'יגדיל תורה' (פרשת בראשית) ברענגט אראפ דער מחנך הרה"ח ר' משה לודמיר אז ער האט געהערט פון דער בית ישראל אז די ערשטע זאך וואס מען דארף פאדערן פון די תלמידים איז צו מאכן ברכות בקול.

### וואס געט אייך דער כח אנצוזיין מיט די הנהגה טאג נאך טאג?

רבי מאיר פארשטייט נישט די שאלה, ווען מען זעט וואס חז"ל זאגן איבער איר און ווי זיי לויבן עס אויס איז פשוט אז עס איז א גרויסע זאך. צום ביישפיל איז דא דער מאמר החז"ל אין מדרש (דברים רבה ז, א): 'אין גדול לפני הקדוש ברוך הוא יותר מאמן שישראל עונים'. אז מען זעט אזעלכע ווערטער איז פשוט אז מען קען זיך נישט נאכלאזן פון עס מקיים זיין.

מען זעט אויך אז די פריערדיגע צדיקים האבן זיך אזוי געפירט. דער 'שערי תשובה' (או"ח ו, ה) ברענגט אראפ אז דער אר"י הקדוש האט זיך אזוי געפירט און ער שרייבט אז אפילו אז עס איז געווען דארט הונדערט מענטשן האט ער געענטפערט ברכות נאך יעדן איינעם פון זיי"

דאס אליין לערנט אונז די חשיבות פון ענטפערן 'אמן' נאך די ברכת השחר.

"מיר האט מען אויסגעלערנט פון אלץ קינד - אז וואס מען דארף טון - טוט מען".



דער אוהל אויפ'ן ציון פון דער 'דברי שמואל' מסלונים אויף די 'גאנשא' גאס אין ווארשע

# דער ה'דברי שמואל'
## י"ט בשבט תרע"ו

דער צדיק דער בעל דברי שמואל פון סלאנים האדמו"ר רבי שמואל וויינבערג איז געבוירן געווארן צו זיין טאטע רבי יחיאל מיכל אהרן - דער זון פון דער ערשטער סלאנימער רבי דער בעל 'יסוד העבודה' אין יאר תר"י. אלץ קינד האט ער געלערנט תורה ביי זיין גרויסער זיידע, אבער ער איז אויך געפארן צו אנדערע צדיקים, צווישן זיי דער הייליגער צאנזער רב און האדמו"ר רבי דוד משה פון טשארקאוו זי"ע.

כל ימיו האט ער גע'שמ'ט מיט זיין אויסטערלישע התמדה. מען פלעגט דערציילן אויף אים אז ווען ער האט געוויילט אין חצר פון דער הייליגער אבני נזר פון סאכטשאוו האט ער אנגעיאגט דורכצולערנען גאנץ ש"ס אין בלויז זעקס וואכן. ('מרביצי תורה מעולם החסידות' ח"א עמ' קטז).

ווען דער בעל 'יסוד העבודה' איז נסתלק געווארן פון די וועלט אין יאר תרמ"ד האט ער ממלא מקומו געווען מיט די הנהגת העדה. ער האט געפירט די עדה הקדושה מיט א גרויסע אהבה און מיט א שטארקע איבערגעגעבנקייט פאר זיינע חסידים, אין די יארן וואס ער איז געשטאנען בראש פון די הנהגה האט ער אסאך געלייסטעט פאר די אויפבלי פון די קהילה, אין זיינע יארן האט מען אויך געבויט די 'אור תורה' ישיבה אין טבריה.

זיינע שמועסן און זיינע דברי תורה איז שפעטער געדרוקט געווארן אין דער 'דברי שמואל' וועלכע איז שפעטער געדרוקט געווארן דורך דער סלונימער רבי דער בעל 'נתיבות שלום'.

ער איז נסתלק געווארן י"ט שבט תרע"ו זייענדיג אין די שטאט ווארשע פאר מעדצינישע באהאנדלונג.

# ענטפערן 'אמן' איז מציל פון דער יצר הרע

דער 'דברי שמואל' האט אמאל געזאגט אז ענטפערן 'אמן' איז מציל דער מענטש פון דער יצר הרע. א רמז דערצו איז דא אין די תפילה פון יעקב אבינו ער זאל ניצול ווערן מיד עשו. יעקב אבינו האט געבעטן (בראשית לב יב): "הצילני נא מיד אחי מיד עשו" - די ווערטער "נא מיד אחי" איז ראשי תיבות 'אמן' און ווייל עשו הרשע איז מרמז קעגן דער יצר הרע זעט מען פון דעם אז דער 'אמן' איז מציל פון דער יצר הרע. ('דברי שמואל' וישלח).

# מיט'ן ענטפערן 'אמן' איז מען מצטרף צו תפילה בציבור

דער הייליגער 'דברי שמואל' איז מבאר אז דורכ'ן אמן ווערן די תפילה א תפילה בציבור, ווייל ווען נישט דער 'אמן' וואלט יעדער געדאווענט פאר זיך, אז מען האט דער 'אמן' דאווענט מען בציבור.

מיט דעם געדאנק פארשטייט מען אויך די גרויסקייט פון אן אמן אז ער איז מבטל אלע גזירות (זעה דערוועגן אין תיקו"ז מ א) ווייל דער כח פון תפילה בציבור איז דאך זייער גרויס און וועגן דעם האט עס אזא גרויסער כח.

משל למה הדבר דומה איבער די גרויסקייט פון כח התפילה בציבור צו די חילוק פון א פשוטער פייל ביז א קאנאן באמבע. די צוויי קען מען נישט פארגלייכן - ווייל אן איינצעלע פייל קען נישט אנטון אזויפיל שאדן ווי א קאנאן באמבע און די זעלבע איז אויך דא, די תפילה בציבור איז ווי דער קאנאן און עס איז זיכער אז זי האט א גרעסערע כח און זיך אנצושליסן אין איר איז דורך דער 'אמן'. ('דברי שמואל' שם).

# "נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמָע"!




מיט'ן ענטפערן 'אמן' איז מען מקיים צו זיין די ערשטע מצוה פון עשרת הדברות, די מצוה פון אמונה בה' (ראה רבנו בחיי שמות יד א).

**טייערע אידן זייט מקבל אויף זיך אויסצוהערן די ברכות און ענטפערן 'אמן' נאך איר כהלכה - ווייל די עיקר האמונה איז תלוי אין אמן .**

('מגלה עמוקות' פר' האזינו).

זיך אנצושליסן צו ווערן א טייל פון די מזכי הרבים וועלכע שטיין אויף פרי און זאגן נאך 'אמן' נאך די מתפללי בית הכנסת און מיט דעם מזכה זיין אלע אידן אין שול פולט אויס אן אפליקאציע אין די 'נדרים פלוס' מאשינען און לייגט אריין אייערע פרטים און מיר וועלן זיך פארבינדן מיט אייך צו שיקן אלע מאטריאל איבער די נושא.

בְּרְכוֹת הַשַּׁחַר כַּהֲלָכָה
בְּקוֹל בְּכַוָּנָה בְּחַבְרוּתָא